74 I 125

# אונטערוועגנס

חודש-זשורנאַל
פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים
אַרויסגעגעבן פון דער גרופע „אונטערוועגנס"

ניו־יאָרק, מערץ 1934 נומער 1 פרייז 10 סענט

אינהאַלט:

לידער פון: חיים פרוס, מ. טקאַטש, לייבל בלעכמאַן, משה פרענק.
אַרטיקלען פון: חיים פרוס, אליהו שולמאַן, א. בייזער,

## אין דער איצטיקער שעה

(לייט אַרטיקל)

איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין אַ נייעם יידישן זשורנאַל איצט אויף דער יידישער גאַס?

יאָ און ניט.

עס ווענדט זיך.

די גרופע אַרום „אונטערוועגנס" איז טיף איבערצייגט, אַז די כוונות אירע זיינען אויסגעוואַרימטע פון און פאַר דער צייט, און זיי גלויבן דעריבער, אַז זייער אויסדרוק איצט איז צייטיק און ממילא שוין אויך נויטווענדיק.

כאָטש יעדערער פון דער דאָזיקער גרופע איז איבערצייגט אין דעם אויף זיין אייגענעם אופן, כאָטש יעדער איינער איז צו דעם אינספּירירט געוואָרן פון אַ גאַנץ־פאַרשיידענעם מאָטיוון־קוואַל.

איינער וואַנדערט זוכנדיק אַ וועג, אַ צווייטער — זוכנדיק דעם וועג, און אַ דריטער — פּשוט, ווייל מען לאָזט אים אין קיין לעבעדיקן הויז ניט אַריין . . .

אַלע אָבער געפינען זיך אונטערוועגנס, און — ברידער צו די זעלביקע געפאַרן . . . און אין איצטיקן שטורמישן שעת־חירום קלאַמערן זיי זיך איינער אָנם צווייטן און מיט אָנגעשטעלטע גלעזער פרעגן זיי:

— וואוהין?

: : :

אָבער ווייסט איר דען ניט, אַז איצט איז אַ קריזיס אין דער יידישער קולטור וועלט, און ווער אין אַזעלכע צייטן עפנט עס נייע קראָמען?

על הראשונים . . .

אַזוי וועט מען אונדז פון אַלע זייטן פרעגן און בשתיקה מסתמא אויך אַ שמייכל טאָן.

איז דער ענטפער צו דעם:

מיר קומען כלל ניט צו קאָנקורירן מיט קיין איינער פון די אַלטע און איינגעפונדעוועטע קולטור־באַלעבאַטישקייטן. און אין אונזער שוי־פענצטער וועט יעדער איינער וואָס קען לייענען — געפינען אַ שילד, וואָס וועט אים דערציילן:

דאָ אין „אונטערוועגנס", וועט יעדע אַרויפגעשוואומענע יידישע און וועלטלעכע פּראָבלעם באַהאַנדלט ווערן מיט מוט און אויפריכטיקייט.

און לידער איז אַזאַ דערשיינונג כמעט נאָך ווי אַ נייע מין סחורה אין אונזער יידיש־גייסטיקן וועלטל . . .

: : :

„אונטערוועגנס" און אַלץ וואָס ער נעמט איצט און וועט אויך שפּעטער אין זיך אַרייננעמען, איז און דאַרף קודם כל באַפרוכפּערט און געזאַפטיקט ווערן פונם זון־און־רעגן, וואָס פאַלט אויף דער יידיש־אַמעריקאַנישער ערד. די גרופּע האַלט אָבער, אַז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז אין זיין געשטאַלט, ניט פיל אַנדערשדיקער פונם יידישן לעבן אין אַלע אַנדערע לענדער, אויסער סאָוועטן־פאַרבאַנד. ממילא שוין באַטראַכט זיך „אונטערוועגנס" פאַר אַ זשורנאַל, וואָס איז עקסטעריטאָריעל אין זיין מהות און ספּעציפיש יידיש־אַמעריקאַניש לויט זיין פאָרם.

: : :

וואָס איז דער באַדייט פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער גרופּע „אונטערוועגנס"?

פאַר יעדן פון אונדז איז דאָס סאָוועטן־לאַנד דאָס איינציקע ליכט־פּינטל אין דער געדיכטער חשכותדיקייט פון דער איצטיקער ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר וועלט; אַ וועלט אין וועלכער אויף אַ מאָמענט בלויז געפינען מיר זיך אין איר אָפּהענטיק און פאַרלוירן. און ווי יעדער ליכט, וואָס פאַלט פלוצומדיק אויפן נאַקעטן אויג, ווענדט זיך עס קודם כל אין דער אויפנאַמספּעאיקייט פון דער זע־קראַפט, וואָס דאַרף דאָס דאָזיקע ליכט אויפכאַפּן. איז ווער ס'האַלט זיך אין רייבן די אויגן; ווער ס'איז ביים פעסטן ווילן, די שאַרפקייט פונם דאָזיקן ליכט גובר צו זיין, מעגן די אויגן זיך שפּיזלען פון פאַרלאָפענע טרערן, און גאָר איינער, באַהאַלט פון שרעק אַזש זיין פּנים אין די זשמעניעס . . . קיינער פון אונדז אָבער, וואַגט ניט אויסצודרייען זיך מיטן פּנים אויף צוריק. פאַר אונדז אַלעמען איז דאָס סאָוועטן־לאַנד, אַט יענער צוציאונגס־פּונקט אַרום וועלכן אַלע זיינען מיר מיט דער מונטערנדיקער האָפנונג זיך פריער אָדער שפּעטער דאָרטן צוזאַמענצוטרעפן.

: : :

וועמעס קרובהשאַפט און אויף וואָס פאַר אַ חברישער הילף שטיצן מיר זיך און — פאַרלאַנגען?

יעדער, וואָ ס'איז בכח עפּעס צו זען און צו זאָגן; זאָגן ניט געציקלט און ניט געקינצלט; ניט לשם מטהר צו זיין אַ שרצל מיט הונדערט און פופציק פּשטלעך, נאָר זאָגן עס אויף אַ ריינעם און ערלעכן אופן — אַט אַזאַ איינעם וועלן מיר מיט ביידע הענט אויפנעמען.



גייסטיק־פרישע מענטשן, וואָס פילן, אַז ערגעצוואו גייט עס עפּעס ביי אונדז ניט כשורה, — אָט די דאָזיקע וואַגאַבונדן, וועלכע ווי ביזע אָנשיקענישן ווערן זיי געטריבן פון דער טעגלעכער און פּעריאָדישער פּרעסע, — אויב נאָר זיי האָבן אין זיך עפּעס לעבעדיקס, עפּעס קאָנסטרוקטיווס אויסצודריקן, זאָל עס זיין דורך צעשטערישע מיטלען, אָבער מיט בויענדיקע כוונות, — זאָלן זיי צו אונדז קומען. ביי אונדזערע טויערן וועלן זיי באַגעגנט ווערן מיטן האַרציקסטן ברוך־הבא.

און זיינען ערגעץ וואו פאַראַן שרייבער, שווייגנדיקע אין זייער שרייבן . . . וואָס ווערן אָבער פון דעם געפּייניקט, — וועלן זיי ביי אונדז געפינען מיטגעפיל און היימלעכע וואַרימקייט.

און די דאָזיקע וואונטשן אונזערע און פאַרלאַנגען זיינען אין דער זעלביקער מאָס און מיט דעם זעלביקן צוגאַנג געווענדעט צום אידישן לייענער, פּונקט ווי זיי זיינען עס חל אויפן יידישן שרייבער.

צי וועלן מיר אָבער די דאָזיקע גוט־מיינענדיקע הבטחות דערפילן?

צי וועלן אונדז פאַר דעם קלעקן אונדזערע כחות?

דאָס לאָזן מיר צו דער צייט.

ווייל —

מה שיעשה הזמן . . .

מ. טקאַטש

# לידער

## ווי אַ זעגל

מיט געשפּאַנטע שוואַרצאַפּלען
וועל איך גריסן דאָס לעבן,
זיך פאַרנויגן און צאַפּלען,
ווי אַ זעגל אין שוועבן.

זאָל מיך ווייקן דער רעגן,
זאָל די זון מיך פאַרשוואַרצן,
זאָל דער ווינט, ווי אין זעגל,
בלאָזן גלייך אין מיין האַרצן.

זאָל די כוואַליע מיך וואַרפן,
ווי אַ שטיפקינד אין וויגל, —
מיטן ראַנד מיטן שאַרפן
זעגל שניידט, ווי אַ פליגל.

איך וועל גריסן, זיך נויגן,
ווי אַ זעגל צום שטורם.
דו גייסט אויף, רעגן־בויגן,
אָרעאָל פון יסורים!

## אייז אויף ביימער

קרישטאָלענע ביימער
מיט שיינקייט באַלאָדן
שטייען געבויגן
צום מאַרמאָרנעם באָדן.

די לאַסט פון קרישטאָלן
האָט צווייגן צעבראָכן;
דער איבערבראָך סטאַרטשעט,
אַזוי ווי אַ קנאָכן.

און ס'וויינען די ביימער,
ווען ס'לאַכן די שטראַלן,
און שאָקלען די צווייגן
די שיינקייט זאָל פאַלן.

ניט גרינג איז די שיינקייט
פון פראָסטיקע שלאַקסן,
עס ווילן די ביימער
בלויז לעבן און וואַקסן.

חיים פרוס

# בינדט דעם קאַלב!

(אַן אָפענער בריוו צו דער יידישיסטישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע.)

מיר איז אין פאַרויס באַקאַנט די אומדאַנקבאַרקייט אין דער שליחות, צו ווערן אַן אָנזאָגער פון טרויעריקע בשורות. בפרט נאָך אין פאַל, ווען דער אָנזאָגער גופא, פילט זיך פון די דאָזיקע בשורות אַ געטראָפענער . . . עס איז אָבער אָן אַן ערך פיינלעכער צו שטיקן זיך און ווערגן זיך מיט אמתן, ווי גרוי זיי זאָלן ניט זיין — צוליב דער איינציקער סבה בלויז, ווייל זיי זיינען עלול אַרויסצורופן ביי אונדז אַלאַרמירנדיקן שרעק און ספּקותדיקע אומזיכערקייטן. אמתן, וואָס אין תוך אָבער זיינען זיי שטענדיק פיל מער צילטרעפלעכער, ווייל מער באַלערנדיק — איידער אָט יענע פאַלשע און גרונטלאָזע זאָרגלאָזיקייט, וואָס אַ דאַנק איר בלינדקייט צו אַרומרינגלענדיקע געפאַרן — האַלט זי אונדז רק אין שטענדיקן פאַרזיכערן, אַז ס׳איז ניטאָ גאָר פאַרוואָס זיך צו שרעקן. און מיר דוכט זיך אַז גראַד איצט, אין אַ מאָמענט, ווען פון אַלע ווינקלען לויערן מיט טויזנטער אויגן פאַרשווערונגס סכנות אויף אונדזער באַוועגונג, — אַז אָט איצט, ווען איין געפאַר אַזאַ, אַ געפאַר פון אומגעהויער סימפּטאָמאַטיש־וויכטיקן ווערט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין איר פולסטן און גרויזאַמסטן היקף, ווערט דאָס פאַרשרייען איר — אַ פאַרברעכן, און דאָס פאַרשווייגן — אַן אייביק־עגבערנדיקער טיטוס־פליגל אויפן אייגענעם געוויסן.

איך מיין דאָ: דעם פולשטענדיקן דורכפאַל פונם מאָדערנעם יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד.

פאַרן טעאַטער־קריטיקער אַלס פאַכמאַן, זיינען די בינע, אירע העלדן און די פיר ווענט פונם טעאַטער — זיין אייגן וועלטל, אין וועלכן ער לעבט זיך פולשטענדיק אויס. דער טעאַטער איז פאַר אים אַזוי אַרומעט ניט עפּעס אַ דערגאַנצונגס־טיילכל פון אַ קאָמפּלעקס, וואָס געפינט זיך ערגעץ אַנדערשוואו אויסערהאַלב די טעאַטערישע ד׳ אמות, נאָר איין אַלאַרומנעמענדיקע און דורכאויסיק אָרגאַנישע גאַנצקייט. דעם טעאַטער קריטיקער איז דערפאַר דערלויבט אַרומצורינגלען זיך מיט מחיצות, אום כדי דאָס ליכט, וואָס ווערט פון אים געוואָרפן אויף דער דאָזיקער וועלט, זיין אייגענע וועלט זאָל ניט פאַרטונקלט ווערן פון דער שיין, וואָס קען אויף איר פאַלן פון דרויסן. וואָס אַזוינס אָבער שטעלט מיט זיך דער טעאַטער פאָר אין די אויגן פונם זייטיקן, ניט פאַכמענישן צושויער?

פאַר איב איז דער טעאַטער קודם כל איינער פון די צאַרטסטע אינסטרומענטן, דורך וועלכן די פאָלקס־נשמה שפּילט אויס אירע אויפריכטיקסטע און פאַרבאָרגנסטע טענער. דער טעאַטער קאָן און דאַרף דעריבער פאַררעכנט ווערן פאַרן פינקטלעכסטן באַראָמעטער פון דער אַטמאָספערע, דער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער, וואָס הערשט אין דער געגעבענער צייט ביי איין פאָלק אָדער אַ צווייטן; טויט און לעבן, אויפקום און אונטערגאַנג האָבן שטענדיק און אין אַלע צייטן, לויט זייער שאַל צו און עבאָ־אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער אַטמאָספערע — זיך אָפּגעזיגלט אויף די דורות דורך אָט יענעם קרומען צווייטגעשטאַלט, וואָס רופט זיך טעאַטער־בינע. פאַרן צושויער אַלזאָ איז דער טעאַטער ניט קיין עטוואָס זעלבסטשטענדיקעס, נאָר איין אַבראַל בלויז, דורך וועלכן עס דאַרף האַסטיק צירקולירן אויף און אָפּ, דאָס זודיקע בלוט פון גאַנצן לעבעדיקן פאָלקס־אָרגאַניזם. איז צו וועלכן זשע שלום, פרעג איך, וואָלטן מיר געקומען, ווען מיר זאָלן ערלעך און אָן שום פאַרורטיילן זיך גוט איינהערן צום



בלוט־לויף אין די אָדערן פונם מאָדערנעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע?

אָט לאָמיר אָקאָרשט זען:

יאָשע קאַלב האָט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַ ווילדער אַרומגעבריקעוועט אויף דער בינע פונם יידישן קונסט טעאַטער, און יאָזעפּוס האָט, נאָך איין וואָך בלויז, זיך אויסגעצויגן און אַרויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

על פּי כל הדעות און לויט אַלע כללים פון נאָרמאַליטעט, האָט יאָשע קאַלב, אין זיין פּרצוף אין וועלכן ער איז פאַראונדזדערשינען: אַ פאָרטרעט, וואָס איז פיל פּאַסיקער אויפגעהאַנגען צו ווערן ערגעץ אין אַ שטאַל איידער אינם הייליקן טעמפּל פון שענקייט; אָט דאָס אומבאַהאָלפענע שטיק אימפּאָטענץ, וואָס האָט קיין ברעקל אָנהאַלט ניט, נישט אינם מאָדערנעם יידיש־אייראָפּעישן און אַוודאי ניט אינם יידיש־אַמעריקאַנישן לעבן; יאָשע קאַלב, פון ווענעם מויל עס זעצט מיט אַזאַ שטיקעדיק־פאַרשימלטער פּאַרע; — וועלכער אין בלויזער סקעלעטיש־נאַקעטער קאַריקאַטור אפילו — איז ער אַזוי באַוואַקסן שוין מיט אַרכאַאישער זקנה; די קאַלב מעלאָדראַמע, וואָס האָט על פּי כל הדעות געדאַרפט מגולגל ווערן ערגעץ וואו אַף דער באָערי אין די „וואָס ווילן אַ קינד”; אָדער אין יענע, וואָס זיינען „יאָ אַ מאַן ניט אַ מאַן” און פאָלגלעך, — וואָלט זי מסתמא נתעלה געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ „מאַטינייליבלינג” פונם הייסע באַבקעלעך־טעאַטער עולם אין דער באַרימטער סאַלון־עפּאָכע, — אָט דער דאָזיקער מפּיל רחמנא לצלן האָט זיך עס מיט זיינע ברודיקע קלאָען, אַזוי הויך און ברייט צעטאָפּטשעט אויף די ברעטער פונם יידישן קונסט־טעאַטער; צוליב אים האָט מען עס ערב ובוקר, טאָג איין טאָג אויס, מטריח געווען אַזש עקסטרע שטולן משום דוחק אין פּלאַץ, און דער קאַלב איז זיך פעלזן־פעסט געשטאַנען אָנגעלייענט אויף זיינע מגושמדיקע קלובעס, שפּאָטיש געשמייכלט מיט זיינע קעלבערנע אויגן און ווי בעביט אין ניינצן זעקס און צוואַנציק געבעבטשעט: בע־מע! אינטעליגענט דאַרף מען זיין?! בע מע! אָט איך אַזאַ דלות, און איר אַלע וואַלגערט זיך פונדעסטוועגן אונטער מיינע בהמישע קאָפּעטעס! . . .

איין יאָר שפּעטער בלויז: יאָזעפּוס.

צי גוט צי שלעכט דראַמאַטיזירט, צי מייסטעריש געשריבן אָדער ניט, אָבער דאָך: דער גאַליקער צער פון דער יידישער אומה ביז איבערן בעכער; אינערלעכע ראַנגלעניש ביז צעריסן צו ווערן; קלאָג אויפן אייגענעם גורל אין די העכסטע מאָמענטן פון פערזענלעכן גליק; דער יעכץ פון ירושלים לעכערט דורך דעם מאַרמאָר פונם רוימישן שלאָס; רעכטס, דער קשה־עורפדיקער קאַרטש פון יוחנן בן זכאים שטערן, לינקס, דער לאָקנדיקער תאוה־פלייץ פון שוימיקן ציגיינער־בלוט, הינטער זיך, די אייביקע קללה פונם אייגענעם פאָלק, און פאָרויס, אַ פוסטע און גרויע אומענדלעכקייט וואָס נאָך פיינלעכער, וואָס נאָך דען טראַגישער פאַרן איצטיקן יידישן מענטשן איבער דער גאָרער וועלט: זאַנגוויל, פויכטוואַנגער, וואַסערמאַן, ראַטענאַו, און ועל כולם, און איבער אַלץ און אַלעמען — מיר אַלע, מיר, דער צעשפּליטערטער און צעבראָכענער דור, אַ דור וואָס יאַטערט זיך אין זיינע אייגענע וואונדן, וועלכער איז איבעראַל און אומעטום קרח מכאן וקרח מכאן . . .

אָט דער יאָזעפּוס — אַ פּאָר געציילטע נעכט בלויז אין מאָריס שוואַרצס יידישן קונסט טעאַטער!

און דער אויספיר:

די אָדערן פונם מאָדערנעם יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד — זיינען פאַרגליווערט; דער בלוט־גאַנג — פאַראַנקערט, און אָנשטאָט האַסטיקייט פון הייס־בלוט — דאָס דריבנינקע קאַפּן פון אייז־קאַלטע וואַסער־טראָפּנס.

און דער ווייטיק ווערט שניידנדיקער, און דער פּחד מאוימדיקער ווען מ׳גיט אַ טראַכט,

אַז אין משך פֿון דער גאַנצער צייט וואָס די דאָזיקע זאַווערוכע האָט געבושעוועט אויף דער ייִדישער גאַס, האָט קיין איינער פֿון אונזערע פּאַטענטירטע מומחים איבער ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען — ניט געפּרוּווט אַפֿילו, אויף אַ ברייטן און ערנסטן אופֿן, אַזאַ נבֿלה דורכ־צוטעגבערן כּדי צו קומען צו וועלכע ס'ניט איז אויספֿירן.

אויך מיר אַ פּראָבלעם!

אַ שטאָך פֿון אַ צאָן־העלצל איז גענוג פֿאַר דעם!

דאָס איז אַ ריין טעאַטראַלישער ענין, ניט פֿאַר אונדז הימל־מענטשן מיט אַזעלכע דקדוקי עניות זיך מטפּל צו זיין! אָט דאָס אומגעפֿער איז דער גאַנצער תּמצית פֿונם בטלנותדיקן וויש לייִשבֿ־אַנאַליז, מיט וועלכן די ייִדישע אינטעליגענץ האָט דעם דאָזיקן ענין אויפֿגע־נומען.

מיט אַמאָל עפּעס, ווי איבערנאַכט, זיינען מיר אַלע, אַלע ווי איינער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לויטער טעאַטראַלן — בלויז דאָס און גאָרנישט מער! . . .

* * *

צי קען מען צי מעג מען אָבער אַזאַ ריזיקאַליש־וויכטיקן ענין פֿאַרשווייגן?

איז עס ניט גענוג נאָך פֿאַר איינעם כּדי אַרומצולויפֿן פֿון טיר צו טיר און אַריינשרייען:

— איר שלאָפֿט, ווען פֿון די ווענט אַרום אייך עס זעצט שוין מיט שוואַרצע רויך־וואָלקנס! . . .

צי ווילן מיר טאַקע וואַרטן ביז דער דאָזיקער רויך וועט דעם לעצטן אָטעם־צוג אין אונדז דערשטיקן?? . . .

יעדער פֿון אונדז וועט אַ מתחייבֿ־בנפֿשו זיין, אויב ער וועט עפּעס פֿון דעם ניט לערנען.

* * *

און פֿאַרן ערנסטן באַאָבאַכטער איז כּדאַי נאָך עפּעס צו באַמערקן:

יאָשע קאַלב, וואָס האָט מיט זיין „ייִדישער פּאַטריאַרכאַלישקייט" אַזוי אימפּאָנירט בראָדוועי ווען ער איז געשפּילט געוואָרן אין ייִדיש — טאַקע דער זעלבער יאָשע קאַלב, ווען נאָר ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אָפּצושפּרעכן דעם ייִדישן גאָט־אויג זיינעם אין ענגלישער שטאָמ־לעריי, איז ער מיט אַ בוכצע אין זייט געפֿלויגן טאַקע פֿון דער זעלביקער בראָדוועי; מ'האָט אים דאָרטן גאַנץ פּשוטלעך מודיע געווען: אַז די קאַלטענעוואַטע בערד מעגן זיך טאַקע בכּבֿוד גדול פּרוכפּערן און מערן און זאָלן זיי זיך אַפֿילו ווי קראָפּעווע צעוואַקסן אויף דער „וואָרשטי־קער עוועניו", אָבער בשום אופֿן וועט מען זיי ניט לאָזן פֿאַרלייזיקן די יענקישע בראָדוועי . . . בעת דער, דזשעז־סינגער „להבֿדיל" וואָס פֿאַרמאָגט אויך אין זיין באַזיץ די גאַנצע „ייִדישע אימפּאָזאַנץ": די באָרד, דאָס בערדל, כּל נדרי, מיטן ייִדישן פּאַראַסאָל א. א. וו. — ער דווקא איז עס געווען אַמאָל די גאָר גרויסע סענסאַציע און פֿאַר אַ גאַנץ היבשער צייט — טאַקע אויף דער זעלביקער געפּלאַסטעטער און באַלעמפּלטער בראָדוועי.

זיינען דאָך אָט די צוויי געקעכצן ביידע פֿאַרפּראַוועט געוואָרן פֿאַר די זעלביקע געסט.

איז וואו זשע, פֿרעגט זיך, איז דאָס מאַגנעטישע אין דער באָרד פֿון דזשאָדזש דזשעסל, און דאָס אָפּשטויסנדיקע אין דער באָרד פֿונם ניעזשעווער רבין?

און דער ענטפֿער איז:

דער „דזשעז־סינגער" און אַפֿילו „אייבים איריש ראָוז" זיינען פּרוּוון, אמת שוואַכי־קע, קינדיש־פּרימיטיווע, אָבער דאָך פּרוּוון כאָטש אויף וועלכן ס'ניט איז אופֿן צו לייזן די פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם איצטיקן ייִדיש־אַמעריקאַנישן דור. זיי מאַטערן אים סיי אין זיין ייִדיש־אייראָפּעישער היים און ער שטויסט זיך אין זיי אויך אָן אויף דער ריין־אַמעריקאַנישער גאַס. עס איז אייגנטלעך דער אַלטער קאָנפֿליקט פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע



אין אַן אַמעריקאַנער אויפֿלאַגע. די באָרד אינעם דזשעז סינגער איז אַזוי אַרום ניט קיין פֿאַרמאַסקירטע, ניט קיין צוגעקלעפּטע, נאָר אַן אויף אַן אמת אָנגעוואַקסענע אויף דער ווירקלעכ־קייט פֿונעם ייִדיש־אַמעריקאַנישן באָדן, אַ באָרד, וואָס פּלאָנטערט זיך אין וועג פֿונעם ערשטן נאָך־אימיגראַציע־דור. בעת די באָרד פֿונעם ניעזשעווער רבין, איז אַ צוגעפּראַוועטע נאָכטשע־פּעניש אויפֿן גלאַטן פּנים פֿון דעם דאָזיקן דור, אָוואַין בעסטן פֿאַל מיינט זי פֿאַר אים ניט מער, ווי עפּעס אַן אימפּאָרטירטער בייז־וואונדער אין דער פֿאָרם פֿון אַ שטיק בלוט־אָרימער קולטור געשיכטע פֿון אונזער ווייט ווייטן אַמאָל. אַזאַ באָרד, ווייענדיק זיך אין דער לופֿטן צווישן הימל און ערד, האָט עס זי ביים ערשטן צוג פֿון אַ פֿרעמד בייז־ווינטל געגעבן אַ טראָג און זי איז אַוועק פֿון וואַנען זי איז געקומען . . . דערפֿון דער נצחונדיקער דערפֿאָלג פֿונם ערשטן, דערפֿון אויך דער מיאוסער אָפּשניט פֿונם צווייטן אויף דער איין־און־דערזעלביקער בראָדוועי.

פֿאַרביידן: סיי פֿאַר די גוים, סיי פֿאַרן אַמעריקאַנישן ייִדן, איז יאָשע קאַלב ווילד פֿרעמד־פֿלייש, וואָס האָט מיט זיי קיינשום געמיינשאַפֿטלעכע שייכות ניט.

אָבער . . .

איז דען, דאַרף דען דער ייִדישער קונסט טעאַטער זיין — אַן אָפּזאַץ־מאַרק בלויז, פֿאַר אַלטע אָפּגעריבענע זשופּיצעס?

* * *

און וואָס האָבן מיר פֿון דעם אַלעמען אָפּצולערנען?

קודם — לערנען פֿונם פּרט אויפֿן כּלל.

און לערנען דאַרפֿן מיר צוויי זאַכן:

ערשטנס. אַז דער גרעסטער טייל פֿון אונדזער ייִדיש־שפּרעכנדיקן עולם דאָ אין לאַנד, פּונקט ווי דער גרעסטער טייל פֿון זיינע שאַפֿער — לעבט און פֿילט ערגעץ אַנדערשוואו און אומעטום אָבער בשום אופֿן איז ער ניט פֿאַרוואָרצלט אין דער היגער אַמעריקאַנישער ערד; — אַז די ריזיקע מאַיאָריטעט פֿון אָט דעם דאָזיקן עולם, איז אַבסאָלוט טויט צו אַלע אָנגע־ווייטיקטע פּראָבלעמען וואָס מאַטערן דעם מאָדערנעם ייִדישן אינטעליגענט היינט צו טאָג; צופֿיל שוין איינגעמאַראַנירט איז ער אין זיין גייסטיקער אַלטקייט אום כּדי אויפֿצוכאַפּן און דורכצולעבן דעם שמאַרצלעכן נשמה־איבערברוך, וואָס הייבט ערשט אָן אויפֿצוציטערן אינם אינערלעכן וועזן פֿונם יונגן און ערשט־אויפֿוואַכנדיקן ייִדיש־אַמעריקאַנישן דור.

און צווייטנס דאַרפֿן מיר לערנען:

אַז פֿון יענער זייט, ייִדיש — לעבט אַ גאַנצער ייִדישער דור; אַ דור אַ יונגער, אַ פֿרישער, וועמעס יעדער נערוו — איז צאַפּלדיק; — וועמעס זעלעשע סטרונעס עס זיינען ביז צום פּלאַצן אָנגעצויגן. דער דאָזיקער דור שטייט און וואַרט אויף אונדזער באַריר אָן אים און צו יעדער צייט איז ער גרייט און וויליק אויף דעם דאָזיקן אָנריר אונדזערן — אָפּצוקלינגען . . .

און דערפֿון:

טיפֿע און אויפֿריכטיקע וועג־זוכעניש צום ייִדישן מהות; זעלבסט־דערקענטעניש, אין דער פּראָבלעם פֿון ייִד און מענטש, און דאָס אַלץ ניט בלויז אין די ראַמען פֿון אונדזער טראַ־דיציאָנעל־קאַנאָניזירטן געטאָ־קלאַסיציזם, — נאָר העכער און טיפֿער, אין די ווייט־האָרי־זאָנטאַלע גרעניצן פֿונם אַלטן ייִדיש־אוניווערסאַלן וועלט־באַנעם — אַלס הינטערגרונט, און אינם לבֿוש פֿון זיין בהדרגהדיקן צענויפֿפֿאַל מיט די רעאַל־פּראָגרעסיווע אידייען פֿון דער איצטיקער צייט.

דאָס און בלויז דאָס מוז און דאַרף ווערן דער איינציקער באַריר־פּונקט אַרום וועלכן

עס קען אויסגעצעמענטירט ווערן די אינערלעכע שייכות צווישן אונדז און דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע.

יאָ! יאָזעפוס און ניט יאָשע קאַלב דאַרף, און אויף דער גאַנצער ליניע פון אונזער אינערלעכן קאַמפּס־פראָנט ווערן די גרונט־באַזע פאַר דער געמיינשאַפטלעכער פאַרשטענדעניש צווישן דער יידיש שפּרעכנדיקער אינטעליגענץ און דעם באַוואוסטזיניקן טייל פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער יוגנט. אויב נאָר מיר ווילן ניט לחלוטין איזאָלירט צו ווערן פון דער לעצטער, און ווי מצורעים אַריסגעשטויסן צו ווערן מחוץ למחנה. אַ געפאַר, וואָס זאָל זי נאָר חלילה ווען עס איז געשען, זיינען די קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן אירע פאַר ביידע צדדים, כמעט אוממעגלעך איצט פאָראויסצוזען . . . און אָט אויף דעם דאָזיקן וועג דאַרף זיך אויך פאַרנעמען דער יידישער קונסט־טעאַטער.

גענוג, איבערגענוג יידישע „טעאַטערע" האָבן מיר דאָ אין לאַנד. אין וואָ סמיר נויטיקן זיך איצט איז אין אַ "יידישן און ניט בלויז אין אַ יידיש־שפּרעכנדיקן קונסט־טעאַטער!

און עס פרעגט זיך:

צי לוינט זיך עס אפשר ניט צו באַצאָלן מיט אונזער טייערסטן בגד וואָס מיר פאַרמאָגן — מיטן יידישן לשון אַלס העכסטן פּרייז פאַר אָט דער אינהאַלטספולער נשמה־פאַרברידערונג מיט אונזער אייגן בלוט־און־פלייש — מיט דער אָפּגעפרעמדטער יידישער יוגנט דאָ אין לאַנד?

וואָס איז אינם איצטיקן מאָמענט פאַר אונדז וויכטיקער: אַ ניט אונזעריקער יאָשע קאַלב אין אונדזער יידיש, אָדער אַן אייגענער יאָזעפוס אינם ניט־אונדזעריקן ענגליש?

האָבן דאָך די אַלטע חכמים אונדזערע לאַנג שוין געפּסקנט: „שמע בכל לשון"! . . .

און האָט דען לוי יצחק מבאַרדיטשעוו מחלל געווען די שמונה־עשרה, מיט זיין האַרציקן ווי געשריי אויף פּראָסט־יידיש מאַמע־לשון?! . . .

עס איז דער רוף פון דער צייט —

ווען מיר אים אָפּענטפערן?! . . .

לייבל בלעכמאַן

## ריעל עסטייט

שטייען הייזער
ביי אונדז אין די גאַסן
אין רייען צעשטעלט,
פאַרלאָזט און פאַרוועלקט
און קלאָגן אָן טרערן
אויף יאָרן — וואָס געווען.

שטייען זיי די אַלטע
אין מרה־שחורה פאַרזונקען,
מיט שילדן באַהאַנגען
און בעטן זיך רחמים:

געלעבט אַמאָל
אַ רעשיק לעבן,
היינט גרוי און איינזאַם
מיט שטויב פון יאָרן
אויף די קעפּ.

מענטשן, קויפט אונדז אָפּ,
נעמט אונדז בחצי חינם!
אַבי נישט זיין אַליין . . .

— — — — — —



אליהו שולמאַן

## פאַרלאַנגט: אַ יידישע יוגנט

איינער פון די גרונט־פּרינציפּן פון דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם, איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם. יעדער קאָמוניסט טרוימט פון יענער צייט ווען אַלע גרענעץ־סלופּעס וועלן פאַרשווינדן. לענין האָט פיל געשריבן וועגן דער צייט ווען אַלע פעלקער וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין מענטשהייט. און דאָך האָט די סאָוועטן־רעגירונג געגעבן יעדער נאַציע און יעדן שבט אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען קולטור אין אַן אייגענער פאָרמע. יעדע נאַציע, וואָס וואוינט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַנטוויקלט אַ קולטור, וואָס איז סאָציאַליסטיש אין איר אינהאַלט און נאַציאָנאַל אין איר פאָרמע. די סאָוועטן־מאַכט גיט אַ מעגלעכקייט יעדן פאָלק צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַליסטישע קולטור מיט אירע אייגענע נאַציאָנאַלע מיטלען, דערפאַר וואָס יעדער פאָלק קאָן זיך אויסדריקן נאָר אין זיין אייגענער פאָרמע.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך שטענדיק אויסגעדריקט אין זיין אייגענער נאַציאָנאַלער פאָרמע. די יידן האָבן באַשאַפן אַ מעכטיקע קולטור אין זייערע אייגענע שפּראַכן. כדי דאָס שאַפנדיקע געניאַליטעט פון דעם יידישן פאָלק זאָל ניט פאַרלוירן גיין, מוזן מיר שאַפן נאָר אין אונדזער אייגענער שפּראַך, אין יידיש.

עס איז אמת, אַז יידן האָבן אָנטיילגענומען, און נעמען אויך איצט אָנטייל, אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס האָט אָבער גענומען אַ לאַנגע צייט פון אַסימילאַציע און צופּאַסונג ביז די יידן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער דייטשער ליטעראַטור. וואַסערמאַן, פויכטוואַנגער, טאָלער, די צווייגס און אַנדערע וויכטיקע קרעפטן זיינען אַריינגעקומען אין דער דייטשער ליטעראַטור נאָך הונדערט און פופציק יאָר פון אַסימילאַציע.

די רוסישע ליטעראַטור האָט אין 19טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט אַזוינע גאונים, ווי טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל און טורגעניעוו. שפּעטער זיינען געקומען אַזוינע קרעפטן ווי טשעכאָוו און גאָרקי. איצט פאַרמאָגט די רוסישע ליטעראַטור אַזוינע טאַלאַנטן ווי שאָלאָכאָוו, פּילניאַק און גלאַדקאָוו. אָבער די רוסישע ליטעראַטור פאַרמאָגט ניט קיין איינציקן וויכטיקן יידישן שרייבער. די יידן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווי יושקעוויטש און אַנדערע, זיינען געווען שונד־שרייבער, אָדער, אין בעסטן פאַל, מיטלמעסיקייטן.

דאָ אין אַמעריקע פאַרמאָגן מיר אַ רייכע ליטעראַטור. פילע יידן באַטייליקן זיך אין איר. אָבער קיין איינער פון זיי קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט אַזוינע טאַלאַנטן ווי טעאָדאָר דרייזער אָדער סינקלער לואיס. די פערבערס, לואיסאָנס, בען העכטס און זייער גלייכן, זיינען שונד־שרייבער אָדער מיטלמעסיקייט. עס וועט נאָך נעמען אַ לאַנגע צייט פון אַסימילאַציע ביז מיר וועלן האָבן אַ וויכטיקן יידישן טאַלאַנט אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. דערפאַר אָבער, ווען איינער קומט אַרויס פון די טיפענישן פון די יידישע מאַסן און ער איז איינגעזאַפּט מיט דער יידישער פאָלקסטימלעכער קולטור, — קען ער גלייך שאַפן ווערטן. ער וועט ניט דאַרפן דורכגיין קיין פּראָצעס פון צופּאַסונג צו אַ נייער פרעמדער קולטור — נאָר איינגעוואַקסן אין דער אייגענער קולטור, וועט ער גלייך קאָנען פאָרטזעצן דאָס שאַפן פון אַ גרויסער, איידיען־רייכער יידישער ליטעראַטור.

וואָס זיינען די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?

ביי אונדז אין אַמעריקע ווערט נאָך דערווייל געשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור. אָבער אָט

די ליטעראַטור פֿאַרלירט איר אָנהאַלט צווישן די יידישע מאַסן. אונדזער ליטעראַטור ווערט פֿאַרוואַנדלט מער און מער אין אַ ווינקל־ליטעראַטור, אָדער, נאָך ערגער, אין אַ קאַפֿע־ליטעראַטור. די אַמעריקאַנער יידן, וואָס רעדן נאָך יידיש, סיי די קליינבירגער, סיי די אַרבעטער, האָבן ניט קיין אינטערעס פֿאַר אונדזער ליטעראַטור. זיי שטעלן זיך צופֿרידן מיט די שונד־ראָמאַנען, אָדער מיט די ביליקע אַרטיקלען, וואָס פֿאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין דער פּרעסע. מיט דער יידישער ליטעראַטור אינטערעסירן זיך נאָר שרייבער, אָדער די וואָס ווילן ווערן שרייבער, און זייער אַ קליינע צאָל „ליבהאָבער". אָטאָדי אַבנאָרמאַלע לאַגע מוז ווירקן אויף דער ליטעראַטור. זי מוז פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַן ענגער, שמאָלער ליטעראַטור, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קליינע פּראָבלעמען.

איך ווייס, אַז מען וועט מיר אָנווייזן, אַז מיר האָבן גרויסע שריפֿטשטעלער און דיכטער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט וויכטיקע פּראָבלעמען, מיר האָבן שרייבער, וואָס האָבן געגעבן גרויסע ראָמאַנען, וואָס האָבן געמאָלן ברייטע לייוונטן. אָבער אָט די שרייבער געהערן צום אַלטן דור. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין אייראָפּע ווען די יידישע אַרבעטער האָבן דערוואַכט און האָבן זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור. חוץ די אַרבעטער האָט זיך אויך דאָס קליינבירגערטום אינטערעסירט מיט ליטעראַטור, און דאָס האָט געווירקט אויף די שריפֿטשטעלער. זיי האָבן געפֿילט, אַז זיי האָבן לייענער. זיי האָבן געפֿילט, אַז זיי שאַפֿן ניט אין פּוסטן חלל, נאָר אין אַ שאַפֿענדער סבֿיבֿה. די שרייבער האָבן דערשפּירט, אַז זיי האָבן אַן אָנהאַלט אָן לעבן און אַז מענטשן אינטערעסירן זיך מיט זיי און מיט זייער שאַפֿונג. אָטאָדי שרייבער פֿילן נאָך די ווירקונג פֿון די לעבעדיקע יידישע מאַסן און מיט דעם כּח גייען זיי נאָך אָן מיט זייער שאַפֿונג. דאָס איז אַגבֿ די אורזאַך פֿאַרוואָס די שרייבער גיבן זיך מערסטנס אָפּ מיט דעם יידישן לעבן אין אייראָפּע אָדער מיט געשיכטלעכע טעמעס.

יענע יידישע שרייבער פֿון עלטערן דור, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין אַמעריקע, האָבן אויך אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן לעבן. די מערסטע שרייבער האָבן אָנגעהויבן זייערע שריפֿטשטעלערישע קאַריערעס נאָך 1905. אין יענע יאָרן זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע גרויסע צאָלן יידישע אַרבעטער. טייל האָבן געהאַט אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. זיי האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע זייער רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם. אין יענע יאָרן איז אויך אין אַמעריקע אויפֿגעקומען אַ שטאַרקע יידישע אַרבעטער באַוועגונג. עס האָט זיך געפֿילט אַן אויפֿלעבונג אויף דער יידישער גאַס. דאָס יידישע קליינבירגערטום האָט אויך פֿאַרשטאַרקט זיינע פּאָזיציעס. פֿריערדיקע אַרבעטער זיינען געוואָרן פֿאַבריקאַנטן. פֿון אָרימע פּעדלערס האָבן זיך אַנטוויקלט סוחרים. יידישע געשעפֿטסלייט האָבן אַנטוויקלט זייערע געשעפֿטן, מען האָט גענומען פֿאַרלאָזן די ענגע יידישע גאַסן און מען האָט זיך איבערגעצויגן אין רייכערע געגנטן. יידן האָבן זיך גענומען רייסן אין די „הויכע פֿענצטער", און דאָס האָט געווירקט אויף דער ליטעראַטור. דער אויפֿשוואונג פֿון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם אויפֿקום פֿון דער עטישער שיטה אין דער יידישער ליטעראַטור. די אַרבעטער באַוועגונג איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם וואָס יידישע שרייבער האָבן עפּעס גענומען זוכן. אויף דער אַנדער זייט האָט דאָס יידישע קליין בירגערטום אַרויסגעגעבן אַ צאָל שרייבער, וואָס זיינען אַוועק פֿון סאָציאַלע פּראָבלעמען, און וואָס האָבן רעבעלירט קעגן דער זוכעניש. אָבער ביידע שטרעמונגען האָבן פֿאַרמאָגט וויכטיקע שרייבער — . די שריפֿטשטעלער האָבן געפֿילט, אַז עס זיינען פֿאַראַן מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט זיי און מיט דער יידישער ליטעראַטור. די שרייבער האָבן געפֿילט, אַז זיי האָב אַן אוידיטאָריע פֿאַר וועמען צו רעדן.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע געפֿינען זיך די יידישע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן



אין די צוואַנציקער יאָרן. אין די ערשטע יאָרן האָבן זיי נאָך געפֿילט אַז זיי האָבן אַן אוידיטאָריע, אָבער ביסלעכווייז איז אָט די אוידיטאָריע פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

אין די יאָרן 23־1920 זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע 270 טויזנט יידישע אימיגראַנטן. די גרעסטע צאָל זיינען געווען יונגע מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו זייערע פֿאָטערס אָדער צו קרובֿים. אָט די יוגנט, וואָס האָט דורכגעלעבט די וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע, דעם בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפֿלעבונג אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס. עס זיינען אַנטשטאַנען אַ גרויסע צאָל קלובן, אָרגאַניזאַציע און עס זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע זשורנאַלן. אָט די גרויסע צאָל אימיגראַנטן האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע צענדליק יונגע שרייבער. די נייע שרייבער האָבן גענומען שאַפֿן מיט באַגייסטערונג, מען האָט גענומען זוכן נייע פֿאָרמעס און נייעם אינהאַלט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז עס קומט פֿאָר אַ רענעסאַנס אויף דער יידישער גאַס. אָבער אָט די לאַגע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ווייל די מערסטע אימיגראַנטן זיינען געווען יונגע מענטשן, האָבן זי זיך שנעלער אַסימילירט. די גרעסטע צאָל האָט זיך צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנעם לעבן. זיי זיינען פֿאַרביזנעסט געוואָרן און האָבן פֿאַרלאָרן דעם גאַנצן אינטערעס צו ליטעראַטור אָדער קולטור. די סבֿיבֿה האָט זיי צעפּרעסן. אַ קלענערע צאָל האָט זיך גענומען צום שטודיאַום און מען איז געוואָרן דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן און אַפֿילו פּראָפֿעסאָרן. אויף וויפֿיל אָט די מענטשן נויטיקן זיך אין קולטור שטעלן זיי זיך צופֿרידן מיט דער אַמעריקאַנער צייטונג אָדער העכסטנס מיט אַ וואָכן־זשורנאַל, אָדער אַ חודש־זשורנאַל. אַן אַנדער גרופּע איז געוואָרן אַקטיוו אין די פּאָליטישע באַוועגונגען און אָט די באַוועגונגען האָבן אויסגעפֿילט זייער לעבן. נאָך אַ גרופּע, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און קולטור, איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער רייכער און מעכטיקער אַנגלאָ־זאַקסישער קולטור. דאָ זיינען אויפֿגעעפֿנט געוואָרן פֿאַר זיי נייע, רייכע אוצרות, וואָס האָבן זיי אין גאַנצן פֿאַרבלענדט. אונדזער יידישע וועלט איז אויסגעקומען אין זייערע אויגן קליין, נישטיק און פּראָווינציעל. אָט די גרופּע איז אינגאַנצן איבערגעגאַנגען צו ענגליש און איז פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿאַרן יידישן וואָרט.

דער יונגער יידישער שרייבער האָט פּלוצים דערפֿילט אַז ער האָט פֿאַרלאָרן דעם באָדן אונטער זיינע פֿיס. ער האָט זיך דערפֿילט איזאָלירט. אויף וועמען האָט ער זיך געקאָנט אָריענטירן? די מענטשן פֿון זיין דור זיינען פֿון אים אַוועק און אויפֿן עלטערן דור האָט ער זיך ניט געקאָנט אָריענטירן. פֿון וואַנען זאָל ער שעפּן באַגייסטערונג אָדער מאַטעריאַל? דאָס אַלטע יידישע שטעטל האָט אים ניט אינטערעסירט. די רעוואָלוציע האָט ער נאָך ניט באַנומען אויף אַזויפֿיל אַז ער זאָל זי קאָנען שילדערן, און אין אַמעריקע האָט ער ניט געפֿונען קיין באָדן

און לייענער? קיין ליטעראַטור קען ניט באַשאַפֿן ווערן אָן דעם לייענער. דער שרייבער מוז פֿילן, אַז מענטשן אינטערעסירן זיך מיט ליטעראַטור, אַז זיי פֿאָדערן זי. די רוסישע ליטעראַטור האָט זיך צעוואַקסן אין 19טן יאָרהונדערט, ווייל עס זיינען אויפֿגעוואַקסן נייע לעזער. אונדזער אייגענע יידישע ליטעראַטור האָט זיך צעוואַקסן אין די 90קער יאָרן פֿון לעצטן יאָרהונדערט, ווייל עס זיינען אויפֿגעקומען נייע לייענער.

אָבער די יונגע יידישע שרייבער האָבן ניט קיין לייענער. צו דער פּרעסע האָבן זיי ניט קיין צוטריט. אָבער אַפֿילו ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ צוטריט צו דער פּרעסע, וואָלטן זיי פֿיל ניט געקאָנט שאַפֿן, ווייל דער לייענער פֿון דער טעגלעכער פּרעסע איז ניט קיין לייענער פֿון ליטעראַטור. אָט זעען מיר אַז די „מאָרגן פֿרייהייט" האָט יע געדרוקט די ווערק פֿון יונגע שרייבער. זי האָט זיי דערמוטיקט, זי האָט געפֿאָדערט ליטעראַטור און דאָך זיינען ניט אַרויסגעקומען קיין גרויסע טאַלאַנטן. ווייל אַפֿילו די שרייבער פֿון דער „פֿרייהייט" פֿילן, אַז זיי

האבן ניט קיין שטארקן באדן אונטער זייערע פיס. ביי אונדז פאדערט מען שוין פראלעטא־רישע ליטעראטור פאר די לעצטע צען יאר אדער מער. אויף דער אמעריקאנער גאס האט מען ערשט אנגעהויבן ריידן וועגן פראלעטארישער ליטעראטור, ערשט מיט א פאר יאר צוריק — און זיי האבן שוין א גרויסע צאל פראלעטארישע ראמאנען — און מיר האבן נאך כמעט ווי גארנישט. אויף דער אמעריקאנער גאס האבן די שרייבער מאסן, זיי האבן א פעריפעריע אין דער צייט וואס דער יונגער דור יידישע שרייבער האט ניט פאר וועמען צו שאפן.

א צאל פון די יונגע שרייבער האט זיך אויסגעלערנט ענגליש. טייל האט זיך פארפול־קאמט אין דער ענגלישער שפראך. אבער יידיש איז א טייל פון זייער לעבן און אויב זיי וואלטן אפילו וועלן איבערגיין צו ענגליש, וואלטן זיי ניט געקענט. אונדזער דור איז דעריבער א פארלארענער דור. אויף דער יידישער גאס האט ער ניט קיין ארט און אויף דער אמעריקאנער גאס קאן ער ניט דערגיין.

וואס איז דער אויסוועג? דער יונגער דור שרייבער מוז קריגן א יוגנט. ער מוז דערפילן, אז ער האט א פעריפעריע פאר וועמען צו שאפן. אבער וואו קריגט מען די יוגנט? וועגן א נייער אימיגראציע קען קיין רייד ניט זיין. אמעריקע וועט ניט אויפעפענען די טירן פאר נייע אימיגראנטן. אבער אויב עס וועלן אפילו געעפנט ווערן די טויערן, וועט אונדזער דור פון דעם גארנישט ניט האבן. פון דעם סאוועטן פארבאנד וועט קיינער ניט קומען. די יוגנט פילט זיך דארטן צו גוט, אז זי זאל וועלן אויסוואנדערן. און פון פוילן? דארטן איז שוין די יוגנט טיילווייז אסימילירט און אז זי וועט קומען אהער, וועט זי זיך שנעל אסימילירן.

עס בלייבט נאר די אמעריקאנער געבוירענע יידישע יוגנט. אבער אט די יוגנט שטייט ווייט פון יידיש און פון יידישן לעבן. ווען אט די יוגנט וואלט אנגעהויבן רעדן יידיש, וואס פאר א וואונדערבארע יוגנט מיר וואלטן געהאט פאר וועמען צו שאפן! עס איז אמת, אז די גאנצע יידישע אמעריקאנער יוגנט איז ניט שטארק פאראינטערעסירט אין קולטור. זיי פאר־מאגן זייער א סך קאריעריסטן. אבער די אמעריקאנער יידישע יוגנט פארמאגט א גרויסע צאל אידעאליסטן פון קולטור. אטאדי יוגנט קאן מען זען אויף קאמוניסטישע און סאציאליסטישע דעמאנסטראציעס. מען זעט זיי אויף דער „פיקעט ליין”. זיי פילן אן די לעקציע זאלן, ביב־ליאטעקן און אוניווערסיטעטן. וואו נאר עס אנטשטייט א פראגרעסיווע אדער ראדיקאלע בא־וועגונג, שטייט די יידישע יוגנט אין די פאדערשטע רייען. ווען מיר וואלטן דערווארבן אט די יוגנט פארן יידישןווארט, וואס פאר א וואונדערבארע פעריפעריע מיר וואלטן געקראגן! ווען אט די יוגנט וואלט זיך פאראינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראטור, וואלט דאס פאר־זיכערט, אז די יונגע יידישע ליטעראטור וואלט געווען פראגרעסיוו, רעוואלוציאנער און פרא־לעטאריש.

די אמעריקאנער קאמוניסטישע פארטיי פאדערט אן אויטאנאמישע רעפובליק פאר די נע־גערן. פאר וואס זאל מען ניט פאדערן נאציאנאלע רעכט פאר די יידן? עס איז אמת, אז די יידן זיינען ניט קאנצענטרירט אין איין געגנט, נאר זיי זיינען צעשפרייט איבער גאנץ אמעריקע. אבער אין ניויארק זיינען פאראן צוויי מיליאן יידן. זיי וואוינען אין יידישע געגנטן. מען קאן דעריבער פאדערן ספעציעלע יידישע שולן פאר די יידישע קינדער.

לענין האט אין זיין ווערק „די יידישע און נאציאנאלע פראגע” געשריבן, אז אין שטעט מיט געמישטע באפעלקערונגען איז שווער צו האבן ספעציעלע שולן פאר יעדער נאציאנאליטעט. אבער לענין שרייבט, אז די עלטערן קאנען פאדערן, אז מען זאל פאר זייערע קינדער האבן ספעציעלע קלאסן פאר זייער שפראך און געשיכטע. אטאדי קלאסן דארפן אויסגעהאלטן ווערן פון דער רעגירונג. אין די ניויארקער פאלקשולן זיינען פאראן טויזנטער קלאסן, וואו אלע שילער זיינען יידן. פארוואס ניט פאדערן, אז מען זאל זיי לערנען יידיש? פארוואס ניט



פאדערן, אז מען זאל די יידישע קינדער לערנען יידיש, יידישע ליטעראטור און געשיכטע?

מען דארף אנפירן א קאמפאניע צווישן דער אמעריקאנער יידישער יוגנט, אז זי זאל זיך אומקערן צו יידיש. ווייל די יידישע ליטעראטור אין אמעריקע קאן האבן א קיום נאר ווען מיר וועלן דערווערבן די אמעריקאנער יידישע יוגנט. און נאר מיט דער דערווערבונג פון דער אמעריקאנער יידישער יוגנט פאר דער יידישער ליטעראטור, וועט פארטגעזעצט ווערן דאס שאפן־געניוס פון די יידישע מאסן.

חיים פרוס

## אונטערוועגנס

(דער גרופע „אונטערוועגנס געווידמעט)

און אז שפיזלדיקע שנייען
טראגן זיך אויף פעלד און שליאך,
אז ניט צו שטיין און ניט צום גיין —
זוכט מען ערגעץ דעק און דאך.

צו דער קרעטשמע ווילד אין יאגן,
טראגט זיך אימפעטיק מאשין,
און דעם פויער אין זיין וואגן
שלעפט די קליאטשע אויך אהין . . .

ווינטן וואיען,ביימער קראכן,
זוכן הייל אויך וואלף און רינד;
לויפט דער שטארקער לעבן שוואכן
זייט ביי זייט פון בייזן ווינט.

שארט מען זיך צו טיר און פענצטער
און מ'הערט זיך איין צום ווינט,
און אין פעלד דארט, ווי געשפענסטער
וואלטן אומגעטאנצט אצינד.

וועבט זיך איינער זיינע טרוימען
וועגן טאט און העלדנמוט,
ווער זשע קען דען שטורם צוימען?
פייניקט ער זיך ביז צום בלוט.

און א צווייטער פון א כאטע
דארט אין דערפל בארג אראפ,
רייסט ער אפ פון קלייד א שמאטע
און דעקט געשמאק זיך איין דעם קאפ...

טוט אין וואלף די קראפט א ציטער:
ער און לאם דא — עק צו עק!
נאר דער ווינט, ער שמייסט מיט ריטער,
וואיעט ער פון שאנד און שרעק . . .

זעט ער: דארטן — הימל בלאסער;
פרייער טראט און עכא־שאל,
און די לאם — א צעבער וואסער,
ווארים מיסט ביינאכט אין שטאל . . .

איז ווער עס קריצט אזש מיט די ציינער
— צאפלט זיך ווי פארן סוף;
און ווער עס גלייכט זיך אויס די ביינער
און צעשמייכלט זיך אין שלאף . . .

* * *

טוליען אלע זיך צום שימל
פון די ווענט — אין קאלטע טעג,
זאל א וויז טאן זיך דער הימל,
וואלט זיך יעדער אוועק זיין וועג — — —

א. בייזער

# מיט זיך אַליין

ס'איז שווער צו זיין מיט זיך אַליין. אַ סך שווערער ווי צו ריידן בקול רם, אַפילו ווען די רייד זיינען ווייטיקדיק־אויפריכטיק. ווייל זיין מיט זיך אַליין, איז זיין באַוועלטיקט פון אַזעלכע רעיונות, וועלכע ס'איז אַ סכנה אַנצוקליידן אין ווערטער, וואָרים יאוש, טיפער יאוש איז זייער זין.

אונדזער צייט איז אַן ערב־צייט. ערב אַ נייעם אָנהויב. אָן און פאַר זיך האָט זי קיין שום באַדייטונג נישט, מ'שטופּט זי נאָר אָפּ די צייט. זי איז אַ בריק אויף אַריבערצוכאַפּן זיך אויף יענער זייט צייט, און, ווער עס וועט זיך אַריבערכאַפּן דער ערשטער, דעמ'ס ליד וועט זיין דער לייט־מאָטיוו פונם נייעם געזאַנג.

טונקל־גרוי איז אונדזער צייט. אַ שטורם גרייט זיך בקולות וברקים. און ווער קאָן זאָגן, וואָס נאָכן שטורם וועט זיין? אַ ליכטיקער פרייד־יקער טאָג, צי אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט מיטן יאָמערדיקן קלאַנג פון קייטן: — סלושאַי ! . . .

ס'איז אַ פאַרפירערישע איינרעדעניש פון אינגלישן אָפּטימיזם, אַז מיר זיינען ביכולת פאַרויסצוזען דעם קאָליר פון דער צייט — שוואַרץ, רויט, ווייס, בלוי. די צייט פאַרבט זיך אין אירע קאָלירן, בשוגג אָדער במזיד, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי אונדז צי ס'געפעלט אונדז צי ניט.

אין דער אַלטער געשיכטע ווייס איך נאָר פון איין פעריאָד, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געווען ענלעך צו אונדזער צייט. דאָס איז די תקופה, ווען די רוימישע אימפּעריע איז ביסלעכווייז זיך צעפאַלן און מיט איר אונטערגיין איז אויך צעשטערט געוואָרן די רוימישע ציוויליזאַציע. דער פּאַטריציער־קלאַס איז געוואָרן אַלט און שוואַך און די שטרייטן צווישן פּראָלעטאַריער און לומפּן־פּראָלעטאַריער, שקלאַפן און קליינבירגער זיינען אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט. אַ פּאָר יאָרהונדערטער האָט זיך געצויגן יענע תוהו־ובוהו־צייט ביז זי האָט זיך ענדלעך אָנגעקליידט אין דער שוואַרצער לאַנגער סוטאַנע פון מיטלאַלטער.

איצט פאַרמאָגן מיר אַ סך תירוצים, וואָס ליגן זיך אויפן שכל, פאַר יעדן שפּאַן פון יענער צייט. תירוצים האָט גאָט באַשאַפן מילי־מיליאָסן, כאָטש שעפּ זיי מיט עמער. אָבער אין אָנהויב פון יענער תוהו־ובוהו־צייט האָט קיינער ניט דערבליקט די לאַנגע שוואַרצע סוטאַנע. ס'האָט געקאָנט זיין אַזוי און פּונקט פאַרקערט, אָדער גאָר עפּעס אַנדערש.

אויב בנוגע דעם גורל פון אַנדערע פעלקער טאַפּן מיר אין דער פינצטער, איז דאָך אַ כל־שכן בנוגע אונדזער פאָלק. ווייל מיר מאַכן ניט קיין געשיכטע, געשיכטע מאַכט מען אויף אונדז. ווי זשע קענען מיר פאָראויסזען, וואָס פאַר אַ געשיכטע אַנדערע פעלקער וועלן מאַכן אויף אונדז? און ס'איז ניט קיין חידוש, וואָס מיר שרייבן ניט קיין געשיכטע. מ'קאָן ניט פאַרלאַנגען פון די עסקימאָסן, אַז זיי זאָלן שרייבן זייער געשיכטע. מיר קאָנען נאָר פאַרצייכענען די שפּורן פון די געשיכטע־מאַכערס אויף אונדזערע לייבער, פּנימער און געהירן.

איך פאַרנעם אָפטמאָל די טריט פון פעלקער אויף גאָטס ערד. איייניקע טריט זיינען אַזוי פעסט, אַז זיי הילכן אָפּ דורך דורות און דורות. אָבער אונדזערע טריט הער איך ניט אינגאַנצן. איך זע בלויז פיס, וואָס הויבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ, נאָר דריקן ניט אָפּ זייערע שפּורן טיף אין באָדן. פיס, וואָס גייען אין דער לופטן.

די אידעאָלאָגיע פון אַסימילאַטאָרן מכל הדורות זעט מיר אויס קינדיש־נאַאיוו. „לאָמיר זיך מתחתן זיין מיט אַנדערע פעלקער און ווערן מיט לייטן גלייך!" — שרייען זיי שוין הונדערטער יאָרן. גלייך ווי עס ווענדט זיך נאָר אין אונדז. און אַז מיר וועלן שוין באַשטיין אויפן שידוך, וועלן זיי געבן זייער הסכמה? ווילן אונדז די דייטשן, די אַנגלאָ־זאַקסן ? ס'דערמאָנט מיך די מעשה מיטן גנב, וואָס טראַכט זיך, אַז ער וועט זיך אויסמישן מיטן עולם. נאָר אַ נאָדל אין זאַק קאָן זיך ניט באַהאַלטן. מ'וועט דיך דערקאָנען, ברודערקע אַסימילאַטאָר, און סוף גנב לתליה!

ס'איז בעסער צו וואוינען אין אַן אייגענער קליינער כאַטקע איידער אין פרעמדע פּאַלאַצן. פון דאָרט קען מען דיך אַרויסוואַרפן צו יעדער רגע. און אַז מען לאָזט דיך שוין וואוינען דאָרטן, וואָסערע קוקעלעך קריגסטו פון צייט צו צייט! אסור אויב ס'איז דאָ וואָס צו מקנא זיין אונדזערע ברידער פון יענע פּאַלאַצן. ווען עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז דו ביזט אַ גאַנצער באַלעבאָס דאָרטן, גיט מען דיך אַ שליידער אַרויס און דו פאַלסט אין טיפן גרוב. די שפּאַנישע אידן אַמאָל און די דייטשע ערשט ניט לאַנג האָבן דערגרייכט די העכסטע הויכן — גרויסע געלערנטע, ערשט קלאַסיקע שרייבער, אָנגעזעענע מיניסטאָרן, מאַכטיקע באַנקירן — און מיט אַמאָל געוואָרן נידעריקער פון שקלאַפן. דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט זינט זיין גירוש ביסלעכווייז אנגעוואוירן די פרילינג־זאַפטן פון אַ שאַפנדיקן פאָלק — און געוואָרן אַ לעבעדיקער מת. דאָס אייגענע וועט מסתמא געשען מיטן דייטשן יידנטום. פון העכסטער הויך — אין יאושדיקן תהום! אַזוי פאַלט אונדזער זכה־בגורל! היט זיך פאַר דער העכסטער הויך!

קאָן דאָך קלאָרער ניט זיין, אַז ס'איז גלייכער צו קאָכן זיך אין יידישן טעפּל. ס'איז אַפילו אַביסעלע צו ענגלעך אין יידישן טעפּל, מ'שלאָגט זיך אַמאָל אָפּ איינס דאָס אַנדערע די זייטן — ניט געפערלעך, צו בלוט־פאַרגיסונג קומט עס ניט. יידן זיינען בני רחמנים.

ווייל אָבער סידני לעווין דווקא ווערן אַ גויאישער שרייבער (ער הייסט שוין היינט סידני ראָסל) און לערנען זיי שרייבן זייער גויעשע שפּראַך. ס'איז סידנין ענג אין קליינעם יידישן וואַסער, ער וויל אַ שווים טאָן אין ברייטן גויעשן ים. האָב איך צו אים קיין טענות ניט. ווי קאָן מען פאָדערן פון יעדן יחיד ער זאָל מקריב זיין זיינע אַמביציעס על קידוש־הפאָלק? אַ פאָלק קאָן דאָך ניט באַשטיין פון לויטער כהנים.

איך האָב אויך ניט קיין פאַריבל אויף אַברמלען דעם קלאָוק־מאַכער, וואָס וויל דווקא מאַכן זיין זון פאַר אַ דאָקטאָר. וואָסי, מיר פאַרפלייצן דאָס לאַנד מיט פרייע פּראָפעסיעס? זיין דאגה! ער וויל בשום אופן נישט זיין זון זאָל אָפּשוויצן זיין לעבן, ווי ער אַליין, אין די שמוציקע שעפּער. און אפשר איז ער גערעכט? ווייל, ווען ער זאָל פאַרמאָגן לשון, דער שטומער קלאָוק־מאַכער, וואָלט ער אַ פרעג געטאָן אַלע פריידיקער פון פּראָדוקטיוויזאַציע: „האָט איר אייערע זין און טעכטער געמאַכט פאַר אַרבעטער? איר ווילט רייטן מיטן וואָגן פון פּראָדוקטיוויזאַציע אויף די פּלייצעס פון מיינע קינדער? מוחל. זייט אַזוי גוט און פרום און ווייזט אַ ביישפּיל מיט אייערע קינדער". האָט ער ניט קיין לשון דער שטומער קלאָוק־מאַכער, נאָר שטומערהייט טוט ער זיך זיינס. ער ציט פון זיך די קליי, אַבי זיין זון זאָל ווערן אַ דאָקטער און ניט קיין אַמכאָ.

איך קאָן אודאי קיין טענות ניט האָבן צו מיין פריינטס זיבן יעריק בחורל, וואָס וויל בשום אופן ניט ריידן קיין יידיש. ער געדענקט נאָך גוט דאָס מאַמע־לשון, ווייל ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט ער, מילטאָן, גערעדט אַ מחיהדיקן יידיש. און איצט? זיין מאַמע רעדט צו אים יידיש און ער ענטפערט איר אויף ענגליש.

דער קליינער מילטאָן וויל ניט זיין קיין אויסנאַם, ער וויל זיין מיט אַלעמען גלייך. ער געדענקט נאָך מסתמא ווי די קינדער אין גאַס האָבן פון אים חוזק געמאַכט, ווען ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייער ענגלישן לשון (ביז פינף יאָר האָט ער גערעדט בלויז יידיש). דאָס קליין יונג צווייגל איז שוין איינגעבראָכן און וועט פריער אָדער שפּעטער אַראָפּפאַלן פון יידישן

בוים. און מילטאָן איז שוין אַן אויסנאַם. די גרעסטע צאָל יידישע קינדער הויבט אפילו ניט אָן צו רעדן יידיש.

און מיט די גראַדואירטע קינדער פון די יידישע מיטל־שולן איז בעסער? לייענען זיי אונ־דזערע קלאַסיקער? אינטערעסירן זיי זיך מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור? לא דובים ולא יער.

איז וואָס זשע וועט בלייבן פון אונדזער יידיש לעבן דאָ אין לאַנד שפּעטער מיט אַ צוואַנציק יאָר? שפּענדלעך פון אַ צעבראָכענער שיף, וואָס דורות האָבן מיט אַזויפיל מי געבויט.

וועט אונדזער גורל דאָ הי זיין דער זעלביקער, וואָס אין אַמאָליקער שפּאַניע און היינטיקער דייטשלאַנד? ווער ווייסט? שומר, מה מליל?

משה פרענק

# דער אַלטער

צי פון פראָסט און פון קעלט
איז געבויגן זיין רוקן,
צי פון נויט און פון עלטער
זיינע שולטערן צוקן?

צי רופט אים די ערד
מיט געטראָטענע וועגן,
צי גייט ער אַליין שוין
דעם קבר אַנטקעגן?

שוין אַ צייט ווי איך זע אים
דעם אַלטן, דעם שטילן;
שוין אַ צייט ווי איך הער
פון זיין פידל אַ שפּילן:

אַ ניגון אַ צאַרטן,
אַ שטילן, אַ זיסן;
אַ ניגון פון לעבן,
וואָס וועט באַלד פאַרפליסן.

דאָרט שטייט ער אויס שעהן,
ביים אָפּעראַ הויז;
זיינע טעג, זיינע יאָרן,
דער אַלטער שפּילט אויס.

אָפּט איילן זיך מענטשן
פאַרפּוצטע צום הויז,
זיי לויפן פאַרביי אים
מיט געפּילדער, גערויש.

קיינער הערט ניט זיין ניגון,
פאַרנעמט ניט זיין נויט;
קיינער פרעגט ניט ביים אַלטן:
צי האָט ער אויף ברויט?

וועלט איילט זיך פאַרביי אים
און שטויסט אים פון וועג,
אַלץ ווייטער פון לעבן —
אַלץ נעענטער צום ברעג.


באַגריסונגען:

שאול אַלטמאַן

אליעזר וואַגנער און הערי העריטאַן

S. WOOLMAN

זינאַ און יאַנקל גאַרפינקל

SCHNEIDER & LUBA

LEON & GNESSIN



"*Unterwegns*" — a Monthly, Published by the Group — "*Unterwegns*"
Address: Unterwegns, c|o E. Schulman, 294 Broome Street, New York.

Posy-Shoulson Press, 3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.